



# תורת יואל

גליון מס' 53

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת וילך תשפ"ו


## וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל בני ישראל (ל"א, א')

אין מדרש תנחומא שטייט, **אין <u>וילך</u> אלא לשון תוכחה:** דער מדרש זאגט אז דער ווארט **<u>וילך</u>** מיינט א לשון פון שטראף רייד, און דער מדרש ברענגט צו א פסוק אין תהילים (מ"ו ט') **לכו חזו מפעלות אלקים**, טייטש: גייט'ס און זעהט'ס דעם באשעפערס ווערק.

פרעגט דער רבי, פון וואו איז משמע אז **וילך** איז א לשון פון <u>שטראף רייד</u>?

דער רבי איז מסביר, מיט א ווארט פון זיידן, בעל ישמח משה זצ"ל, וואס זאגט נאך א טייטש פון רבי'ן רבי שמעלקא פון ניקלסבורג זצ"ל, אויפן פסוק (תהילים ל"ד יב) **לכו בנים שמעו לי יראת ד' אלמדכם**, דער סדר איז, ווען אידן הערן א מוסר דרשה, און בשעת מעשה ווערן זיי נתעורר צו תשובה, אבער ווען מען גייט אהיים, ווערט עס פארגעסן, און מען גייט צוריק צו די שלעכטע געוואוינהייטן, וועגן דעם זאגט דער פסוק: **<u>לכו</u> בנים:** אפי' ווען מען גייט ארויס, זאל מען מיטנעמען דעם **שמעו לי:** די דברי מוסר, און דאן וועט זייין **יראת ד' אלמדכם:** די דברי מוסר וועט בלייבן אויף שפעטער.

דער זעלבער געדאנק זאגט דער זיידע דער ייטב לב זי"ע, אין פרשת כי תבוא, דער מדרש זאגט, אז הקב"ה האט געזאגט צו משה רבינו: **אתה אומר אעברה נא**, דו זאגסט **אעברה נא** - דו ווילסט אריינגיין קיין א"י - **אז אין כאן סלח נא:** דעמאלס איז נישט דא קיין מחילה וסליחה. זאגט ער א בחינה, אז פון ר"ח אלול ביז נאך הושענה רבה איז דא 51 טעג, די ווארט **<u>נא</u>** איז בגימ' 51, טייטש אויס דער ייטב לב, אויב א איד זאגט **אעברה נא**, עס זאל שוין שנעל אריבערגיין די 51 טעג, דעמאלס קען נישט זיין קיין **סלח נא**.

דער רבי פיהרט אויס, אז משה רבינו האט גערעדט צו די אידן אויף אזא הויכע בחינה, אז אפי' נאך די דרשה איז געבליבן א רישומא דקדושה, און די התעוררת האט אנגעהאלטן אויף אסאך שפעטער, ווייל די רושם פון זיינע דיבורים איז געווען אזוי שטארק, אז ס'האט זיך גערדאכט ווי מען האט עס יעצט געהערט, במילא האט יעדער איד כסדר עוסק געווען אין תיקון המעשים.

און דאס איז פשט אין פסוק, **וילך משה:** אפי' ווען משה איז אהיים פון די דרשה, איז נאכאלץ געווען **וידבר את הדברים האלה:** זיינע ווערטער האבן זיך ווייטער געהערט, און וועגן דעם זאגט דער מדרש **אין <u>וילך</u>** אלא לשון תוכחה, ווייל דער ווארט **וילך** ווייזט אויף דברי מוסר ותוכחה.

השי"ת יעזור, איז דער רבי מסיים, אז דער רושם פון די הייליגע טעג, זאל בלייבן ניכר, ס'זאל זיך דערקענען א גאנץ יאר, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה. (תשכ"ב)

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

## הניגון ממקומך

דער ניגון וואס מען זינגט ביי אונז אין סאטמאר אויף ממקומך, יו"ט און יעדע שיינעם שבת, איז מיוחס צו הרה"ק מהרש"ב מ'ליובאוויטש זצ"ל, ווי אזוי דער ניגון איז אנגעקומען צום רבי'ן, איז דא אסאך נוסחאות אין די מעשה.

געהערט פון א חבד'סקער חסיד, אז ווען דער רבי איז געווען אין בערגען בעלזען אונטער די דייטשן ימ"ש. בערגען בעלזן איז געווען א גרויס לאגער, ווי מ'האט געארבעט עבודת הפרך, אונטער שווערע באדינונגען, אבער דער חלק וואו דער רבי איז געווען אינאיינעם מיט די גאנצע טראנספארט, איז געווען א טראנזיט-לאגער, ווי מ'האט נישט געארבעט, אבער איין זאך האט מען געטהון יעדן טאג, ציילען, ס'האט געהייסן דער אפעל, ווי מ'איז געשטאנען שעה'ן ווילאנג די רשעים האבן יעדן אפגעציילט, און זיכער געמאכט אז ס'פעלט נישט קיינער.

דאס ציילן האט געקענט דויערן צוויי שעה אין מער, און ס'איז געווען קאלט, איז געווען דארט אין די שורה אן אלטער חבד'סקער חסיד, וואס פלעגט זיך דערווארימען מיט זינגען ניגונים, און דאן האט דער רבי אויפגעכאפט דעם ממקומך ניגון.

## זכרונות דערציילט

### הרה"ח ר' אלי' אייכלער הי"ו - מאנסי יצ"ו

מיין עלטער עלטער זיידע הרה"ח ר' מאיר אייכלער ז"ל, האט געשטאמט פון הומנע, און געווען א תלמיד חביב ביים ייטב לב זצ"ל, רביה"ק האט אים זייער מעריץ געווען, און ביי זיין לווי', שנת תש"ו אין ירושלים - ווי דער רבי האט געוואוינט תיכף נאך די קריג - האט דער רבי געהאלטן א מורא'דיגע הספד, און געזאגט די ווערטער: <u>איך מאך דיך פאר א שליח צו שמי מעלה, אז מיר האלטן שוין נישט אויס די צרות</u>.

ר' מאיר'ס זוהן, ר' הערש אייכלער ז"ל, איז געווען א געהויבענער איד, און זיך געהאלטן נאנט מיט רביה"ק, אנגעהויבן פון די ערשטע נסיעה תרצ"ב, און שפעטער ווען דער רבי האט געוואוינט אין ארץ ישראל.

ביי די נסיעה אין תרצ"ב, איז דער רבי געפארן אויף די באקאנטע נסיעה קיין מירון, עס זענען מיטגעפארן מסלתה ד'ירושלים, פיהלע וואס האבן זיך נאר איצט באקענט מיטן רבי'ן, זעענדיג דעם רבי'ן צום ערשטן מאל, זענען אסאך גלייך געווארן צוגעבונדען צום רבי'ן, ווי אויך איז באקאנט די קארלינע חבורה פון טברי', וואס האבן זיך נישט אוועקגעריסן פון רבי'ן, די גאנצע צייט וואס דער רבי האט באזוכט אין גליל.

יענעם אינדערפרי', דער טאג פון די נסיעה קיין מירון, האט דער רבי געטראפן ר' הערש אייכלער, לעבן די מקוה, און דער רבי זאגט אים, <u>איר קומט אוודאי מיט</u>, ר' הערש ענטפערט, ער וואלט גערן מיטגעקומען אבער ער האט נישט אויף שפעזן, דער רבי זאגט "איר קומט אויף מיינע שפעזן" האט ער זיך אוודאי מיטגעכאפט, ווי קאן מען ארויסלאזן אזוינע געלעגענהייט, און אויך מיטגענומען זיין זוהן משה, נאך דאן געווען א בחור, געפארן איז מען אויף אזא מיליטערישע טרעקל, ס'האט געהייסן א "לארי" וואס האט געהאט צוויי לאנגע בענק, אויף די צוויי זייטן, דער רבי האט יא געהאט א בענקל, און אזוי איז מען געפארן לאנגע שעה'ן, יענע צייטן האט גענומען אזא וועג 4-5 שעה.

אויפן וועג האט מען זייער שיין פארברענגט, מיט סיפורי צדיקים וכדו', אינמיטן רופט זיך דער רבי אן צו מיין זיידע ר' משה - וואס האט געקענט שיין זינגען - ער זאל זינגען די אראבישע ניגונים וואס ס'איז אנגענומען געווארן אין די ירושלימע קרייזן, (די דעבקעס און קאדאטשקע'ס שטאמען אויך פון די אראבער) איינע פון די ניגונים האט דער רבי אויפגעכאפט און משבח געווען, מיין פעטער ר' דוד אייכלער האט מיר פארציילט, אז נאך די מירונ'ער נסיעה, האט דער רבי איינמאל געדאוונט מעריב אין די אונגארישע שוהל, און ביי קידוש לבנה האט דער רבי געטאנצען טובים מאורות אויף דעם ניגון, בערך א האלבע שעה מיט א אש קודש.

דער ניגון האט דער רבי אהיים געברענגט קיין אייראפע, אין היינט באקאנט אלס דער קדיש תתקבל ניגון בחצר סאטמאר.

## מ'שיעורי הרה"ג רבי ישעי' ליכטענשטיין שליט"א

### ידיעות קאלום

מנהג | טעמו | ומקורו

### מנהג: בינדען דעם לולב, חיוב אדער מצוה?

די מחלוקה איז אין מסכת סוכה, די רבנן האלטן ס'איז נאר א מצוה וועגן **זה קלי ואנוהו**, רבי יהודה האלט אז ס'איז יא א חיוב, א לימוד פון מצות אזוב, דער רמב"ם פסק'נט ווי די רבנן, ווייל ער שרייבט **ומצוה מן המבחר לאגוד**, זעהן מיר אז ס'איז נאר א **<u>מצוה</u>**, אזוי אויך האלט דער רא"ש, און דער מחבר אין שו"ע איז אזוי קובע להלכה, אז ס'איז נאר א מצוה, והטעם וועגן נוי - באשיינען די מצוות, (זה קלי ואנווהו).

רש"י איז מבאר, אז אפי' לויט די רבנן, וואס ס'איז נאר א מצוה, מוז עס אויך זיין בקשר גמור, סתם א כריכה אדער עניבה איז נישט גענוג, און דער מחבר פסק'נט אזוי, אז מען מוז מאכן א קשר ע"ג קשר.

דער אבני נזר אין א תשובה איז מבאר דעם טעם, פארוואס ס'מוז זיין א קשר גמור, ס'איז דאך לכאורה נאר א הידור, ווייל די גמרא לערנט ארויס פון <u>כפת תמרים</u>, וויבאלד ס'שטייט נישט <u>וכפת</u>, מיינט דאס אז דער אתרוג מוז נישט זיין געבינדען מיט די אנדערע מינים, נאר די לולב הדס וערבה, ווייל ביי די שטייט יא א <u>ו־ו</u>, אויב אזוי מוז עס זיין א לקיחה תמה, מיט א קשר גמור

דער רמ"א זאגט, אויב מ'האט פארגעסן צו בינדען דעם לולב, אדער ס'האט זיך געעפנט אום יו"ט, טאר מען זיכער נישט מאכן קיין קשר גמור.

המשך בשבוע הבא אי"ה